חנה בלאַנקשטיין

# נאָוועלעס

מיט אַן אַרײַנפיר=וואָרט
פון מ. ווײַנרײַך

ווילנע
1939

1/14530

פלוצלונג האָט ער זיך אַ הייב געטאָן: גענוג—און גענומען שפּרײַזן צום הויז צו. דער נעפּל איז געקראָכן נאָך אים, פאַרשטעלט אים דעם וועג אויף צוריק. אָבער וואָלמאַן האָט זיך ניט אומגעקוקט. מונטער און לײַכט, ווי אַלע מאָל, שנעל אַרויף אויפן גאַנעק, פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר פון פירהויז, אַוועקגעלייגט בײַם שפּיגל דעם רײַטבײַטש און אַרײַן אין שטוב.

אויפן נאַכטטישל בײַם בעט האָט געברענט דאָס לעמפּל. דירעקטאָר וואָלמאַן האָט אַ צי געטאָן דעם שופלאָד, אַרויסגענומען אַ קליינעם רעוואָלווער, וואָס ער פלעגט שטענדיק טראָגן בײַ זיך בעתן אַרומפאָרן איבערן גוט. דאָס עלעקטרישע ליכט האָט אַ פינקל געטאָן אויפן בלאַנקן שטאָל פון געווער.

אַ שאָס האָט אויפגעטרייסלט דאָס הויז.

ווען דיוויזאַל איז אַרײַנגעלאָפן אין שלאָפצימער, האָט זיך אים אין די אויגן געוואָרפן דאָס ניט גערירטע בעט. בײַם אָפענעם פענצטער אין פאָטעל איז געלעגן דירעקטאָר וואָלמאַן. די שטאַרקע פיס האָבן אומבאַהאָלפן געשאַרט איבער דער פּאָדלאָגע, אַ שטילער כאָרכלען האָט זיך געהערט פון מויל.

פײַערלעך האָבן זיך אָנגעצונדן אין די שטילע צימערן. מענטשן זײַנען זיך צונויפגעלאָפן.

באַגינען, ניט קומענדיק צו זיך, איז דירעקטאָר מאַרקוס וואָלמאַן געשטאָרבן.

# ש ר ע ק

די לעצטע סטאַנציע — האָט עמעצער געזאָגט אין שמאָלן קאָרידאָר, וואָס ציט זיך דורך דעם וואַגאָן. האָט זיך אָפּגערופן אַ פאַרשלאָפענער קול: — אַ בופעט איז דאָ אויך פאַראַן. — די ווערטער האָט פאַרשלונגען אַ געשמאַקער גענעץ.

דער רײַזנדער, וואָס איז געלעגן אין קופּע בײַם פענצטער, האָט אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם דרעמל, אויסגעצויגן אַן אָרעם, גענומען פון טישל דעם וועגווײַזער, אויפגעמישט אַ זײַטל און געפונען די סטאַנציע. — דער צוג שטייט פופצן מינוט. האָט ער באַרעכנט, אַז ס'איז כדאַי טאַקע דאָ אויף דער סטאַנציע צו טרינקען טיי, וועט ער פאַרשפּאָרן זיך שפּעטער צו פאַרדרייען מיטן פרישטיק. די וואַליזע זײַנע לאָזן אויפן וואָקזאַל און תיכף בײַם אָנקומען זיך אַ לאָז טאָן אין שטאָט אַרײַן. אויף אַזאַ אופן וועט ער קענען אָפּפטרן וואָס גיכער אַלע זײַנע ענינים: זען זיך מיטן פאַבריקאַנט, ניט פאַרזאַמען די לײַט פון די צוויי בענק, אין וועלכע ער האָט צו ערליידיקן אַ פּאָר דרינגענדיקע זאַכן.

— ווער ווייס, אפשר געלינגט מיר נאָך הײַנט אין אָוונט צו פאָרן אַהיים — האָט ער אַן אויפגעמונטערטער געטראַכט און איז אַרויס אין קאָרידאָר.

דער צוג האָט זיך דערנעענטערט צו דער סטאַנציע. פֿון דער ווײַטן האָט זיך שוין געזען דער נידעריקער לאַנגער סטאַנציע־בנין. דער רײַזנדער איז אַראָפּ אויף דער פּלאַטפֿאָרמע. ס׳איז געווען אין מאַרץ. אַ קאַלטער פֿרימאָרגן. פֿון די זאַמדפֿלאַכן אַרום סטאַנציע האָט אַ שאַרפֿער ווינט, אָנגעבלאָזן פֿון נאָענטן ים, צעווייט דעם שניי, האָט דאָס פֿאַראַיאָריקע שטעכיקע קורצע גראָז אויסגעזען ווי באַשאָטן מיט ברודיקע זאַלץ.

דער רײַזנדער האָט אויפֿגעשטעלט דעם קאָלנער פֿונעם רעקל און זשעדנע אײַנגעאָטעמט די קרעפּטנדיקע לופֿט. ער איז גיך אַריבער עטלעכע פּאָר רעלסן און אַרײַן אין וואָקזאַל־בופֿעט. דער גרויסער זאַל איז געווען ליידיק. נאָר אָן אַ זײַט בײַ אַ טישל האָבן צוויי באַן־באַאַמטע געטרונקען ביר, קענטיק שוין אַ לענגערע צײַט דאָ פֿאַרבראַכט. פֿאַרן בופֿעט האָט געדרעמלט אַן עלטערע פֿרוי, דעם קאָפּ אין אַ ווײַסן ציפּיק אַראָפּגעלאָזן אויפֿן הויכן אײַנגעשנורעוועטן בוזעם.

דער רײַזנדער האָט אַ קוק געטאָן אויף די טעלער מיט אָנגעשניטענע פֿאַרטריקנטע בולקעס באַלייגט מיט וווּרשט אָדער קעז, האָט ער זיך אַ ביסל פֿאַרקרימט און געפֿרעגט וועגן טיי. — אַזוי פֿרי איז נאָך טיי ניט פֿאַרטיק, אָבער קאַווע? — קאַווע? אַדרבא גיט, זײַט מוחל, אַ גלעזל קאַווע — האָט זיך דער אורח געריבן די קאַלטע הענט. די פֿרוי האָט זיך אַ רגע געפֿאָרעט אַרום אַ גרויסער קאַן אונטער אַ געשטעפּטן קאַפּטור און דערלאַנגט



אַ גלאָז זודיק־הייסע קאַווע, צוגערוקט אַ טעצל לענגלעכע בייגל.

פֿאַרבײַ דער טיר האָבן זיך דערהערט אײַליקע טריט. דער רײַזנדער האָט אַוועקגעשטעלט די ליידיקע גלאָז, זיך צוגעאײַלט, אומגעדולדיק געוואַרט ביז די פֿרוי האָט פֿון טישקעסטל אַרויסגענומען רעשטע, געשווינדט אַרויס פֿון זאַל, דורכגעלאָפֿן די רעלסן, אָפּגעהאַלטן זיך אַ ווײַלע צוליב אַ לאָקאָמאָטיוו, וואָס האָט געהאַלטן אין מאַנעווורירן, און אַרויף אויף זײַן פּלאַטפֿאָרמע. דער צוג האָט זיך גענומען רירן, די רעדער האָבן זיך פֿויל אַ קײַקל געטאָן. זײַן קופּע איז געווען גאָר פֿאָרנט. איז ער אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿן טרעפּל פֿון נאָענטסטן וואַגאָן, אָנגעכאַפּט זיך פֿאַרן הענטל און אַ ציִ געטאָן. דאָס הענטל האָט זיך ניט גערירט. האָט ער אָנגעשפּאַרט דעם אַקסל אָן טיר, אַ שטאַרקן ציִ געטאָן. די טיר האָט ניט נאָכגעגעבן. זי איז געווען פֿאַרמאַכט.

דערווײַל האָבן זיך די רעדער צעיאָגט, אַזוי ווי מיט יעדן דריי וואָלטן זיי אָנגעקליבן כּוחות. דער מאַן פֿאַרן פֿאַרמאַכטן וואַגאָן האָט פֿעסט צונויפֿגעפּרעסט די פֿויסט אַרום מעשענעם גריף און מיט דער פֿרײַער האַנט אָנגעהויבן קלאַפּן אין פֿענצטער. געקלאַפּט און גערופֿן. געחידושט זיך, געבייזערט אויפֿן אײַנפֿאַל אין מיטן וועג אַ וואַגאָן צו פֿאַרשליסן — נאַ דיר אַ מעשה! — דער ווינט האָט זיך געשטאַרקט, געהויבן די האָר אויף זײַן בלויזן קאָפּ, פֿאַרקליבן זיך, ווי אַ גנבֿ אין אַ שלעכט

פאַרמאַכטער דירה, הינטער זײַן קאָלנער, אַלץ טיפער צום רוקן אַראָפּ. אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַדעקט דעם שטערן, צעפלאָסן זיך איבער די באַקן. אים האָט זיך געדוכט, אַז אָט פאַרפרירן די שווערע טראָפּנס, באַדעקן זײַן פנים מיט אַן אײַזיקער קאָרע. — עפנט, עפנט-זשע! הערט איר ניט? דאָס קלאַפּט אַ רײַזנדער! אַ פאַרבליבענער רײַ—זנ—דער!

דער צוג האָט זיך געטראָגן איבער דער וויסטער, נאָך ווינטערדיקער געגנט. די וואַגאָנעס זײַנען שוין געווען אין פולן לויף. — לאָזט מיך אַרײַן! עפנט! וואָס טראַכט איר זיך? כ׳קען זיך מער ניט האַלטן! עפנט! — פלוצים האָט אין זײַן מוח אויפגעבליצט אַ געדאַנק אַ ווילדער: אפשר איז דער וואַגאָן גאָר אַ ליידיקער און קיינער הערט אים ניט? ער שרײַט אומזיסט, אומזיסט שרײַט ער — ער שטייט פאַר אַ פאַרמאַכטן ליידיקן וואַגאָן!

די קני זײַנען אים מאָדנע שוואַך געוואָרן. אַ דריבנער עקלדיקער ציטער איז אים אַרײַן אין די פיס. די שרעק האָט פאַרגליווערט זײַנע אברים. מיט גרויס מאַטערניש האָט ער אײַנגעבויגן די פלייצעס און צוגעפאַלן מיטן פנים צום פענצטער. אין שמאָלן אַרײַנגאַנג האָט זיך קיין זאַך ניט געזען. פוסט. נאָר די שמאָלע שויב, אַ פאַרהילטע פון מאָרגן-נעפל, האָט טעמפּ אָפּגעשפיגלט זײַנע פאַרלאָשענע אויגן, די האָר, וואָס ווינט און שרעק האָבן אויפגעשטעלט אויף זײַן שטערן. און גלײַכצײַטיק האָט זיך אין פענצטער באַוויזן אַ קאָפּ.



אַ קײַלעכדיקער, נאָך גאָר אַ קינדערשער פנים, אַרומגענומען מיט אַ זעלנערישן קראַגן, האָט געקוקט אויף אים. — עפנט, עפנט! ראַטעוועט!... האָט דער רײַזנדער אויף דאָס נײַ גענומען שרײַען. דער זעלנער האָט זיך דערשראָקן, אָפּגעטראָטן אויף צוריק, אויפגעהויבן די ביקס, אָנגעשטעלט אויפן מענטשן פאַרן פענצטער די שטאָלענע רער.

ווי צעיושעטע חיות האָבן זיך די וואַגאָנעס געוואָרפן פון איין זײַט אויף דער צווייטער, געקלאַפּט, געוואָיעט, אויסגעקלאַפּט מיט די רעדער אַ ניגון טאַר—טאַר—אַראַ—ראַ... און אפשר האָט עס ער, דער מענטש פאַר דער פאַרשלאָסענער טיר, כסדר געהאַמערט מיט דער פויסט אין טיר? די קלאַנגען האָבן געעקבערט זײַן מוח, זיך אַרײַנגעשרויפט אין מאַרך, געהוזשעט אין די אויערן, פול געמאַכט די לופט. טאַר—טאַר—טאַ...

טריט בײַ טריט, דאָס געווער אָנגעשטעלט אויפן פענצטער, האָט זיך דער זעלנער דערווײַטערט, נעלם געוואָרן.

דער רײַזנדער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, דערשפירט אַ מוראדיקע קעלט אין דער האַנט אַרום דער קליאַמקע. דאָס אײַזן האָט זיך אײַנגעגעסן אין דער הויט. די האַנטפלאַכן האָבן געשמאַרצט און געברענט. די פינגער זײַנען אים אָפּגעשטאָרבן. דער אָרעם, די האַנט, זײַנען געוואָרן גלידער פאַר זיך, האָבן אויפגעהערט צו פאָלגן, פאַרלאָרן דעם צוזאַמענהאַנג מיטן גאַנצן קערפּער. די האַנט האָט מער ניט געקאָנט פאַרבינדן דעם גוף מיטן אײַזערנעם גריף,

פאַר וועלכן דער גוף האָט זיך געהאַלטן. די האַנט האָט זיך אָפגעזאָגט צו פאַרטראָגן דאָס ברענען פון אָנגעפראָרענעם מעטאַל. אָט רײַסט זי זיך אָפ פון טיר, די האַנט, אָט פאַלט דער מענטש אַראָפ...

דעם מאַן אויפן טרעפל פון פאַרשלאָסענעם וואַגאָן האָט אַרומגענומען אַ יאוש. דער יאוש איז געקומען פון ערגעץ טיף, גאָר טיף. דער מאַן האָט פאַרשטאַנען, אַז ניט נאָר דער מוראדיק בייזער ווינט הייבט אים די האָר פון קאָפ, נאָר די שרעק טוט עס. דער בלינדער, ווילדער פחד פאַרן אומקומען, פאַרן ניט זײַן... מיט אַ מאָדנער דײַטלעכקייט האָט ער דערזען פאַר זײַנע אויגן זײַנע נאָענטסטע, די טײַערסטע. ווי אַ בילד אין נאַטירלעכער גרייס זײַנען זיי פאַר אים געשטאַנען און לעבן זיי האָט ער דערזען זיך, דעם פעסט געבויטן, דעם ענערגישן. אַ ווייגעשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון זײַן ברוסט: דערמאָנט זיך — ער האָט עס ערגעץ געלייענט — אַז נאָר אין דער גרעסטער סכנה זעט דער מענטש מיט אַזאַ קלאָרקייט דאָס, וואָס איז אים דאָס טײַערסטע אויף דער וועלט... האָט ער פאַרשטאַנען—דאָס יאָמערט אין אים די נשמה, וועלכע פילט זײַן מפלה. דאָס גייט אויס דאָס האַרץ.

צום פענצטער איז צוגעגאַנגען אַ זעלנער מיט שליפן אויף די אַקסלען. הינטער אים — דער יונגער מיטן קינדערשן פנים, די ביקס בײַ דער זײַט. דעם סערזשאַנטס ערנסט-שטרענגער בליק האָט אַרומגענומען די בלוילעכע, פון ווינט צעשמיסענע באַקן, פון פחד אויסגעגלאָצטע אויגן, דעם



אָפענעם מויל, וואָס שרײַט, בעט זיך — עפנט! דער סערזשאַנט האָט זיך אײַנגעבויגן צום פענצטער, געפאָרשט, אויב עס שטייט ניט ווער לעבן דעם מאַן, וואָס שרײַט פאַר דער טיר. אַ שאַרפער קורצער בליק, און די האַנט, וואָס איז געלעגן אויפן אָפענעם שייד פון נאַגאַן, האָט אָפגעריגלט די טיר, אָנגעכאַפט דעם מאַנס אַקסל, אים אַ שלעפ אַרײַן געטאָן. דער רײַזנדער האָט זיך אומבאַהאָלפן אָנגעשטויסן מיטן קני אָן פאָדלאָגע, זיך אויפגעשטעלט, צוגעפאַלן מיטן רוקן צו דער וואַנט, פאַרמאַכט די אויגן. — וואָס רײַסט איר זיך אין אַ וואַגאָן פאַר אַרעסטאַנטן? וועמען זוכט איר דאָ? — דער רײַזנדער האָט דערקלערט, קוים אַרויסגעשטופט די ווערטער, ניט געקענט בײַקומען דעם ציטער פון זײַנע ליפן. — ווײַזט אײַער פאַס, אײַערע פאַפירן! — — אין וואַגאָן, אין דער וואַליזע! — — קומט! — די פינגער, וואָס האָבן אים נאָך אַלץ געהאַלטן, האָבן זיך ווי אַ צוואַנג אײַנגעגעסן אין זײַן אָרעם, אים אַ שטופ געטאָן. זיי איז נאָכגעגאַנגען דער זעלנער מיט דער ביקס. אין וואַגאָן האָבן זיך געשטופט די צערודערטע אַרעסטירטע, דערפון אַ פאָר אינטעליגענטן, אַ באַברילטער מאַן מיט אַ שמאָל פאַרריסן בערדל, אַנדערע, אַלע בלייך פאַר אויפרעגונג, אַלעמענס אויגן פול נײַגער, האָפענונג, אַנטוישונג...

דורכגעגאַנגען אַ פאָר וואַגאָנעס, אַרײַן אין קופע. דער סערזשאַנט האָט אויסגעפאָרשט דעם פאַס, אַרומגעקוקט זיך, אַ שמייכל געטאָן.—אײַער גליק,

וואָס דער—געוויזן מיטן קאָפּ אויפֿן יונגן זעלנער—האָט אײַך ניט דערשאָסן. געמיינט אַן אָנפֿאַל. אגב האָבן מיר אַלע געהאַלטן, אַז דאָס גרייט זיך אַן אָנפֿאַל אויפֿן וואַגאָן צו באַפֿרײַען אַ פּאָר אַרעסטירטע. — אַרויסגעגאַנגען, זיך שטאַרק געאײַלט.

אין קופּע איז קיינער ניט געווען. דער רײַזנדער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זײַן אָרט, אָנגעשפּאַרט זיך אָן ווענטל. אין קאָפּ האָט אים געהוזשעט, געהאַמערט אין די שלייפֿן.

פֿון דעם רוישן האָט זיך אַלץ בולטער אויסגעשיילט, איז געוואַקסן דאָס באַוווסטזײַן פֿון דער גוואַלדיקער מאַכט פֿון לעבן. מיט אַלע זײַנע אברים און אַלע זײַנע חושים האָט ער באַנומען דעם ווערט, דעם גרויסן איינציקן ווערט פֿון ז ײַ ן, פֿון נאַקעטן ז ײַ ן...

## שטראָף אונדז ניט...

אַ גרופּע דאָקטוירים, מאַטעמאַטיקער און יוריסטן, וואָס האָבן ערשט די טעג דורכגעמאַכט די לעצטע עקזאַמענס, האָבן צוליב דער דאָזיקער שמחה אײַנגעאָרדנט אַ חברישע פֿאַרווײַלונג. מ׳איז אין דער פֿרי אַרויסגעפֿאָרן מיט אַ שיף אין אַ קליינעם זומעראָרט, באַרימט מיט זײַן היסטאָרישן שלאָס און דעם גרויסן געדיכטן פּאַרק, וואָס ציט זיך עטלעכע מײַל פֿאַזע דעם טײַך. אַ רעסטאָראַן האָט זיך געפֿונען אין אַ קליינעם אַלטערטימלעכן איטאַליענישן פּאַוויליאָן. אַ מאָל האָבן דאָרטן גערוט, נאָכן שפּאַציר, שיינע שטאָלצע דאַמען מיט געפּודערטע האָר און צוזאַמענגעשנורעוועטע טאַליעס. בלויז אולאַנער אין שוואַרצע קיראַסירן און קאַוואַלערן אין גאָלד און זילבער אויסגענייטע בגדים, האָבן פֿון זייערע זײַדענע שיכלעך געטרונקען בורגונדער, אויף טויט געיאָגט פֿערד און ביז בלוט געפּײַניקט קנעכט, כּדי צו דער מינוט דערלאַנגען דער איידעלער געליבטער אַ צעטעלע אויף שמעקעדיקע ראָזע פּאַפּיר מיטן פּריצישן הערב.

דער לאַנגער שמאָלער טיש איז געווען געדעקט אויף אַ גרינער לאָנקע, אַרומגערינגלט מיט אַלטע מאָכנאַטע יאָדלעס און הויכע הונדערטיאָריקע